# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים



## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### א שווערע לאסט פון 'ברכת מועדיך'

"וְהִשִּׂיאוּ אוֹתָם עֲוֹן אַשְׁמָה בְּאָכְלָם אֶת קָדְשֵׁיהֶם" (כב טז)

"'וְהִשִּׂיאוּ אוֹתָם' - את עצמם יטענו עון באוכלם את קדשיהם" (רש"י).

לויט וואס רש"י זאגט אז דער לשון: "וְהִשִּׂיאוּ" איז טייטש אנלאדענען און טראגן, ערקלערט **רבי יחיאל מיכל פיינשטיין** דאס וואס מיר בעטן ביי מוסף אין די שלש רגלים: "**והשיאנו** ה' אלוקינו את ברכת מועדיך לחיים ולשלום..." - ריבונו של עולם: העלף אונז עס זאל פאר אונז נשפע ווערן אסאך גוטע השפעות פון די ימים טובים, אזוי ווייט, אז מיר זאלן זיין אנגעלאדנט און אנגעפילט מיט פעקלעך פון 'ברכת מועדיך'.

'שר התורה' עמ' שנו

### די סגולה פון די שבת'דיגע תפילות

"שׁוֹר אוֹ כֶשֶׂב אוֹ עֵז... וּמִיּוֹם הַשְּׁמִינִי וָהָלְאָה יֵרָצֶה לְקָרְבַּן אִשֶּׁה לַה'" (כב כז)

"אמר הקדוש ברוך הוא: לא תביאו לפני קרבן עד שתעבור עליו שבת" (ויק"ר כז י)

לויט דער מדרש פארענטפערט דער **'שיבולי הלקט'** א שוועריקייט וואס קומט ארויס זאגנדיג דעם נוסח פון די שבת'דיגע מוסף: "תכנת שבת רצית קרבנותיה"; דער אייבערשטער גלוסט דען נאר די קרבנות פון שבת? נאר די כוונה איז אויף אלע קרבנות, ווייל יעדע קרבן איז נישט עולה לרצון ביז עס וועט אריבערגיין אויף אים פון פריער א שבת, דעריבער זאגט מען "רצית קרבנותיה", אזוי ווי עס שטייט אין אונזער פסוק, אז נאך שבת: "ירצה לקרבן".

לייגט צו **האדמו"ר רבי משה יחיאל פון אוזורוב**:

לויט דעם קען מען אויך טייטשן אז "רצית קרבנותיה" גייט ארויף אויף די שבת'דיגע קרבנות. אויב שבת העלפט צו פאר א קרבן וואס מ'איז נישט מקריב אין שבת עס זאל אנגענומען ווערן לרצון ווען אימער מ'איז עס מקריב, איז דאך זיכער אז דאס העלפט צו אויף די קרבן וואס מ'איז מקריב אין שבת, "ווייל דער טאג איז גורם עס זאל צוקומען א ספעציעלע קדושה פון די הייליגקייט פון שבת". און פון דעם קען מען זיך אפלערנען אויף די שבת'דיגע תפילות וואס זענען אנשטאט די קרבנות, אז זיי ווערן אנגענומען מער פון די וואכעדיגע תפילות.

'שבולי הלקט' סי' פב; 'אש דת' ח"ח עמ' של

### ניינציג אמנים אקעגן ניינציג מומים

"כָּל אִישׁ אֲשֶׁר בּוֹ מוּם מִזֶּרַע אַהֲרֹן הַכֹּהֵן לֹא יִגַּשׁ לְהַקְרִיב אֶת אִשֵּׁי ה' מוּם בּוֹ אֵת לֶחֶם אֱלֹקָיו לֹא יִגַּשׁ לְהַקְרִיב" (כא כא)

דער רמב"ם (ביאת מקדש ח א) רעכנט אויס ניינציג פארשידענע סארטן פעלער אין די קערפער וואס פסל'ט דעם כהן ער זאל נישט טוהן א עבודה אין בית המקדש.

דער רב פון רמת אלחנן **רבי יצחק זילבערשטיין שליט"א** לייגט צו: דער בעל ה'רוקח' (הלכות ברכות שכ) שרייבט אז די תקנה פון מאה ברכות איז כדי ראטעווען די אידן פון די הונדערט קללות וואס ווערן דערמאנט אין תורה. לויט דעם קען מען זאגן אז די תקנה פון ענטפערן די ניינציג אמן'ס יעדן טאג, איז אונז צו ראטעווען פון די ניינציג פעלער'ס אין די קערפער.

די דורשי רשומות האט צו דעם צוגעלייגט א רמז: 'המום' איז גימטריה 'אמן' - איין און ניינציג.

קובץ שו"ת המודפס בסוף ספר 'עלינו לשבח' ח"ג, תשובה עה; 'מאורות הדף היומי' בכורות מג א

די תקנה פון ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג ווערט געברענגט אין זוהר הק' (תיקוז"ח קלג א). מ'האט געפרעגט פון **הרמ"ע מפאנו** צי די תקנה קען מען מקיים זיין דווקא דורך ענטפערן אמן אויף ברכות, אדער מ'קען אויך רעכענען די אמנים וואס מ'ענטפערט אויף קדיש. ער האט געענטפערט: אין זוהר הק' (ראה שם) ווערט געברענגט אז די טעגליכע ציפער אויף די דברים שבקדושה זענען מרומז אין דיווארט 'צדיק' - צ' אמנים, ד' קדושות', י' קדישים, ק' ברכות. פון דא זען מיר אז די 'קדישים' ווערן עקסטער גערעכנט, זעהט מען אז מ'דארף רעכענען ניינציג אמנים דוקא אויף ברכות.

פארן שואל וואס איז אים שווער געווען וויאזוי קען מען יעדן טאג זאמלען ניינציג אמנים אויף ברכות, האט דער הרמ"ע אנגעטראגן אז יעדער זאל זאגן די ברכות השחר פאר א צווייטן, און ווען א מענטש וועט הערן פון עטליכע מענטשן ברכות השחר וועט ער דורך דעם צוקומען צו די צאל פון ניינציג אמנים וואס די חכמים האבן באשטימט.

מ'דארף אנצייכענען אז דער מנהג פון זאגן ברכות השחר מיט א חברותא ווערט געברענגט אין שולחן ערוך (או"ח ו ד), און דער 'מגן אברהם' ערקלערט דארט (ט) אז דער מנהג האט מען מתקן געווען כדי צו זאמלען ניינציג אמנים דוקא אויף ברכות, אזוי ווי דער הרמ"ע מפאנו פסק'נט.

שו"ת הרמ"ע מפאנו סי' קט; 'נפש שמשון' על סידור התפילה עמ' קלח

### דאס גלוסטעניש ברענגט צו נחת רוח

"וְכִי תִזְבְּחוּ זֶבַח תּוֹדָה לַה' לִרְצֹנְכֶם תִּזְבָּחֻהוּ" (כב כט)

"לא לרצוני אתם זובחים אלא לרצונכם אתם זובחים, שנאמר: לרצונכם תזבחהו" (מנחות קי א)

די גמרא האט ערקלערט **רבי צדוק הכהן פון לובלין**:

די 'נחת רוח' וואס הקדוש ברוך הוא האט איז נישט פון די עצם קרבן [אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט ('מורה נבוכים' ג לו) אז די קרבנות איז כדי אונז צו דערווייטערן פון עבודה זרה, ווייל אין יענע צייטן איז פארשפרייט געווען דער מנהג פון מקריב זיין פאר עבודה זרה], נאר פון די ווילן און גלוסטעניש וואס דער מענטש איז מקריב זיין קרבן, אזוי ווי די תורה באטאנט: "לִרְצֹנְכֶם תִּזְבָּחֻהוּ".

אזוי אויך תפילה וואס איז אנשטאט די קרבנות; הקדוש ברוך הוא האט נחת רוח פון אונזער רצון און גלוסטעניש צו דאווענען, און נישט פון דאס דאווענען אליין. אויף דעם האבן די חכמים מרמז געווען זאגנדיג (אבות ב יג): "אל תעש תפילתך קבע, אלא רחמים ותחנונים לפני המקום".

'צדקת הצדיק' אות מב

### דער וואס איז פורש פון ציבור - איז מחלל שם שמים

"וְלֹא תְחַלְּלוּ אֶת שֵׁם קָדְשִׁי וְנִקְדַּשְׁתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲנִי ה' מְקַדִּשְׁכֶם" (שם)

דער **'חתם סופר'** זאגט:

אויך ווען עס זענען דא צען מענטשן אין שול, און די מצוה פון: "וְנִקְדַּשְׁתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" ווערט מקויים אן דיר, זאלסטו זיך נישט פטר'ן פון צו דאווענען מיט מנין מיט די אויסרייד אז דעם אייבערשטנ'ס נאמען וועט אויך געהייליגט ווערן אפילו אויב דו וועסט דאווענען ביחידות. ווייל די מצוה פון 'ונקדשתי' איז נישט פארן אייבערשטן, נאר מיר זענען באפוילן געווארן אויף דעם כדי עס זאל מקויים ווערן ביי אונז: "אֲנִי ה' מְקַדִּשְׁכֶם". דער וואס האלט זיך אפ פון תפילה בציבור ווייזט מיט דעם כאילו ער וויל נישט די קדושה, און עס קומט אויס אז ער איז עובר אויף: "וְלֹא תְחַלְּלוּ אֶת שֵׁם קָדְשִׁי".

'דרשות חתם סופר' ח"ב רסח ב


## הוּא יַמְלִיץ טוֹב בַּעֲדֵינוּ, אֲדוֹנֵינוּ בַּר יוֹחַאי

אלע אידן קוקן ארויס אויף אתרא קדישא מירון, וואס צוליב די אומשטענדן שטייט עס פוסט און ליידיג.
יעדער איד טראכט און האפט; צי ער וועט זוכה זיין קענען זיין אין היכל פון רשב"י
אין זיין הייליגע יומא דהילולא, אין ל"ג בעומר?!
לויט ווי עס קוקט יעצט אויס, דאס ארויף גיין קיין מירון וועט נישט מעגליך זיין... ווער וועט "ימליץ טוב בעדנו"?!

**אויב מיר וועלן זיך אונטערנעמען מקפיד זיין וואו עס דארף צו זיין אויף ענטפערן אמן - די מצוה וואס אויף איר טייערקייט איז רשב"י דער בעל ההילולא מעורר אסאך מאל אין זוהר הקדוש, ווען מיר זיכער זוכה זיין אז ער וועט אויף אונז מליץ טוב זיין מיר אלע זאלן געראטעוועט ווערן פון די מגיפה, און מיר זאלן זיין געזונט און שטארק.**

**דא איז פאר אייך אויסדערוועלטע שטיקלעך פון די ווערטער פון רשב"י אין זוהר אויף די גרויסע כח פון ענטפערן אמן:**

- אין זכות פון ענטפערן אמן מיט כוונה ווערן געעפענט די טויערן פון ברכה און אסאך שפע קומט אראפ אין אלע עולמות (וילך רפה ב)
- דער וואס ענטפערט אמן מיט כוונה איז זוכה אז זיין תפילה זאל אנגענומען ווערן און געהאלפן ווערן פון זיינע צרות (שם)
- א ברכה וואס ווערט געענטפערט מיט א אמן איז א שלימות'דיגע ברכה, און אויף איינער וואס זאגט אזא ברכה רופט מען אויס אז ער האט געשיקט א שלימות'דיגע מתנה פארן אייבערשטער (עקב רעא א)
- דער וואס ענטפערט אמן מיט כוונה, אויף אים זאגט דער פסוק (שמואל א' ב ל): "כי מכבדי אכבד" (וילך רפה א)
- יעדער וואס ענטפערט אמן מיט זיין גאנצן כח צורייסט מען זיין שלעכטן גזר דין פון זיבעציג יאר (תקו"ז מ א)
- דער וואס ענטפערט אמן איז זוכה צו א ספעציעלע שמירה, אזוי ווי עס שטייט (תהלים לא כד): "אמונים נֹצר ה'" (וילך רפו א).




'בני אמונים' - מען ענטפערט ווי עס דארף צו זיין, אויפן קול און מיט כוונה

# תענה אמונים

פערל ווערטער און ערקלערונגען אויף 'ברכת המזון'

## ברכת המזון - בקשות הרחמן (יב)

### ענדיגן דאס בענטשן מיט פסוקים פון בטחון

דערנאך וואס מיר האבן געענדיגט דאס בענטשן מיט די ברכה פון שלום - "עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן", אזוי ווי די חכמים זאגן (מס' דרך ארץ פרק שלום ה"ד, וראה אבודרהם עמ' שכו): "גדול השלום שכל הברכות והתפילות חותמין בשלום", פירט מען זיך נאך פון די פריערדיגע יארן (ראה מחזור ויטרי סי' פג; של"ה שער האותיות אות ק - קדושת האכילה) צולייגן און זאגן א סעריע פון זיבן פסוקים וואס ענטהאלטן אין זיך דברי מוסר וואס זענען פאסיג צו די צייט.

די ערשטע צוויי פסוקים: "יראו את ה' קדושיו כי אין מחסור ליראיו; כפירים רשו ורעבו ודורשי ה' לא יחסרו כל טוב" זענען פון ספר תהילים (לד י-יא), און זייער אינהאלט שילדערט די מעלה פון מדת הביטחון - ווי ווייט איז גוט דער גורל פונעם בעל הביטחון, און פארקערט, ווי ביטער איז דער גורל פון דער וואס פארלאזט זיך אויף זיין אייגענע שטארקייט.

פון די פסוקים קענען מיר לערנען אסאך וויכטיגע און חשובע יסודות וויאזוי איינצוקויפן די מדת הביטחון, וואס מיר האבן שוין דערמאנט ביי די ענדע פון די ברכה 'הטוב והמטיב', אויסשרייענדיג: "הוא הטיב הוא מטיב הוא ייטיב לנו... הוא יגמלנו לעד". אסאך פירושים זענען געזאגט געווארן אויף דעם דורך אונזערע רבי"ס, און מיר וועלן אראפברענגען א טייל פון זיי.

### א עקסטערע רוף פאר די 'קדושים'

די פשוט'ע באדייט פון דער פסוק איז: האט מורא פונעם אייבערשטן, צו וועמען זאג איך די רייד? די הייליגע [=וואס טון אפלאזן די תאוות פון דער וועלט], און ציטערט נישט טאמער עס וועט פעלן פון ענקער שפייז, ווייל דער אייבערשטער אליין וועט ענק צושטעלן שפייז וויפיל עס פעלט ענק אויס. לערנט זיך אפ אז אפילו די לייבן, אזוי אויך די מענטשן וואס זענען צוגעגלעכנט צו זיי, וואס פארלאזן זיך אויף זייער רייכטום ('מצודת דוד') און זענען פארזיכערט אז זיי וועלן האבן שפייז דורך זייער כח און שטארקייט, אסאך מאל זענען זיי ארעם און הונגעריג און טרעפן נישט קיין שפייז, און פון די אנדערע זייט די וואס פארלאזן זיך נאר אויף השי"ת, פאר זיי פעלט קיינמאל נישט קיין גוט'ס (ע"פ רד"ק תהלים לד י-יא).

דער פסוק שילדערט דער גרויסער אונטערשייד וואס איז צווישן די צדיקים און רשעים. די צדיקים האבן שטענדיג מורא פון השי"ת, סיי ווען עס פעלט זיי פון זייער שפייז און סיי ווען זיי האבן פון אלעס גוט'ס - שטענדיג טראכטן זיי פון די גוט'ס וואס השי"ת טוט מיט זיי. דאקעגן די רשעים געדענקען דעם אייבערשטן נאר ווען זיי דערגרייכן א מצב פון ארעמקייט און הונגער, אבער ווען זיי זענען זאט איז אויף זיי געזאגט געווארן: "וישמן ישורון ויבעט".

און דאס איז משבח דער פסוק: "יראו את ה' קדושיו, כי [=אויך ווען] אין מחסור ליראיו", אנדערשט פון די 'כפירים' - די רשעים, וואס נאר ווען זיי זענען "רשו ורעבו" האבן זיי מורא פונעם אייבערשטן (הגש"פ 'ילקוט שמעוני').

### א ספעציעלע ווארענונג פאר די 'קדושיו'

לכאורה דארף מען פארשטיין: אויב דער פסוק רעדט צו די 'קדושיו', פארוואס דארף מען זיי ווארענען: "יראו את ה'", עס קען דען זיין אז די 'קדושים' האבן נישט מורא פון ה'?

דער מאטערסדארפער רב רבי שמואל עהרנפעלד א אייניקל פון חתם סופר ערקלערט: עס זענען פארהאן מענטשן וואס דערווייטערן זיך פון מותרות און באגענוגן זיך מיט ווייניג ברויט און וואסער כדי צו מסגף זיין זייער קערפער, זיי ווערן אנגערופן 'קדושיו'. נאר טראץ וואס זיי פירן זיך אזוי אסאך צייט, דאך פילן זיי שטענדיג אז עס פעלט זיי און זייער עבודה קומט זיי אן שווער. דעריבער ווארנט דער פסוק: "יראו את ה' קדושיו" - ענק זאלן פון פריער האבן יראת שמים, ווייל נאר אויב ענק וועלן האבן יראת הרוממות וואס דאס ברענגט צו אהבת ה', וועלן ענק באמת שפירן "כי אין מחסור ליראיו" ('חתן סופר' מקנה וקנינים, פתיחה עמ' מה).

עס זענען דא וואס ערקלערן אז דער פסוק ווענדט זיך צו גאנץ כלל ישראל און רופט זיי אן מיטן טיטול 'קדושיו', כדי דורך דער לויב וועט זייער הארץ ווייכער ווערן אננעמען די שטראף רייד, און צוליב דעם שילדערט ער אויך פאר זיי די נוצן וואס וועט ארויסקומען פון די יראה: "כי אין מחסור ליראיו". און פון דעם לערנען מיר די ריכטיגע וועג וויאזוי צו זאגן מוסר עס זאל אנגענומען ווערן, מיט א ווייכע און איינגענעמע לשון, זיך קאנצענטרירן אין דער גוטער חלק און אזוי איז מען פארזיכערט אז די ווערטער וועלן אנגענומען ווערן ('מסורת הברית הגדול' [פון ר"מ אנג'יל, מנטובא שפ"ב] אות תתקכח).

### די שכר פון יראה באקומט מען בשלימות

דער גאון בעל 'קול אריה' טייטש דעם פסוק לויט וואס די חכמים זאגן (ויק"ר כז ב) אויף דעם פסוק אין איוב (מא ג): "מי הקדימני ואשלם", מצד הדין קומט זיך נישט קיין שכר, ווייל שטענדיג טוט דער אייבערשטער פון פריער גוט'ס מיט דעם מענטש; פריער האט ער געטון מיט אים א חסד ווען ער האט אים געגעבן א הויז, און נאר נאכדעם האט ער אים באפוילן אויף די מצוה פון מזוזה. פריער האט ער געזארגט ער זאל האבן א בגד אנטון, און נאר נאכדעם האט ער געהייסן לייגן אויף דעם ציצית. דעריבער קומט זיך נישט די גאנצע שכר אויף א מצוה. אבער די מצוה פון יראה איז אינגאנצן אין די האנט פון א מענטש, אזוי ווי חכמים זאגן (ברכות לג ב): "הכל בידי שמים - חוץ מיראת שמים", דעריבער פעלט גארנישט פון די שכר וואס מ'באקומט אויף דעם (הגש"פ 'קול אריה').

# מכתבי אמונים

בריוון פון אונזערע געטרייע ליינער

די נייע אפטיילונג וועט פון די וואך זיין געווידמעט פאר בריוון און קורצע געדאנקען וואס מיר באקומען פון אונזערע געטרייע ליינער.

צו די רעדאקציע 'וכל מאמינים' - שלום רב!

איך וועל זיך פרייען ענק מיטטיילן מיט א געדאנק וואס איך האב געטראכט אויף ענטפערן אמן וואס עס איז שייך ספעציעל אין די טעג:

זאגן די קאפיטל פון 'קטורת' איז באקאנט אלץ א סגולה אפשטעלן א מגיפה [דער מקור פון דעם איז אין זוהר הק' פר' וארא ק ב]. איך האב באמערקט א וואונדערליכע זאך: ביי די ענדע פון תפילת שחרית זאגן מיר די קאפיטל פון קטורת, אבער מיר זאגן פריער: "אין כאלוקינו... מי כאלוקינו... נודה כאלוקינו...", וואס ווי באקאנט זענען זיי ר"ת אמן. עס קען זיין אז דאס קומט מרמז זיין, אז אויב מיר ווילן אפשטעלן די מגיפה, דארפן מיר איינרעקענען אז 'אין כאלוקינו' - א יסוד וואס ווערט ארויסגעברענגט ווען מ'זאגט ברכות און מ'ענטפערט אמן מיט כוונה.

מיט גרויס שעצונג
צ.י.ר. - ירושלים

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## געגאנגען אויף קידוש ה' אינמיטן דאווענען

די תקופה פון די חורבן, די שרעקליכע צווייטע וועלט'ס קריג, איז געווען א באזונדערע פראבע פון אמונה פאר דאס אידישע פאלק. אין דער געשיכטע פון דעם חורבן קען מען טרעפן נישט ווייניג ערציילונגען אויף איינפאכע אידן און איבערהויפט אויף די אויסדערוועלטע אידן, מנהיגים פון כלל ישראל וואס האבן מארשירט צו זייער טויט ווען זייער אמונה און דביקות אין באשעפער און אין זיינע מצוות איז ריין געבליבן, און מיט א תמימות, אן זיך אוועק רוקן אפילו א האר, ביז צו די שרעקליכע מינוט, די לעצטע מינוט פון זייער לעבן.

אזוי איז דער ערציילונג אויף הגה"ק רבי מנחם מענדל אלטר הי"ד, דער רב פון קאליש, דער יונגסטער זון פון דער 'שפת אמת' פון גור. דער קאלישער רב איז ברייט באקאנט געווען צווישן די פולישע אידנטום, אלץ קלוגער מענטש, א גאון אין תורה, און געטרייער מנהיג פאר זיין געמיינדע.

שוין אין זיינע יונגע יארן האט ער אויפגעשטעלט און געפירט די גרויסע ישיבה אין גור, וואו דארט זענען געווען הונדערטער תלמידים אונטער די שאטן פון זיין פאטער דער 'שפת אמת' זי"ע. שפעטער האט ער אויפגעשטעלט פארשידענע פראיעקטן לטובת די פולישע ערליכע אידנטום, און אין גאר א יונגן עלטער איז ער אויפגענומען געווארן אויף די רבנות אמט אין די גרויסע שטאט פביאניץ.

זייענדיג דער רב אין שטאט האט זיך שטארק אנגעזען זיינע געבענטשטע טאלאנטן, אין די צייט וואס ער האט פארענדערט פארשידענע רעגולאציעס לטובת דער כלל און דער פרט, צווישן זיי האט ער אן קיין שרעק געמאכט פארשידענע תקנות וואס האבן צוגעברענגט א אויפשטאנד צווישן די רייכע און געהערטע מענטשן, וואס ביז זיין אנקום האבן זיי זיך ערלויבט צו פירן לויט זייער ווילן, אויך אין דער עפנטליכקייט פון דעם ציבור. אבער רבי מענדל, טראץ וואס קוים יעצט איז ער ארויף אויף זיין אמט, האט זיך נישט גערעכנט מיט זיי.

רבי מענדל האט נישט באגרעניצט זיין איינפלוס נאר אין שטאט פביאניץ, ער האט אויך געדינט אלץ פאזיצער פון אגודת הרבנים אין פולין, און אויך אין דער אמט האט ער געלאזט הערן הויעך די מיינונג פון די ערליכע אידן, און האט געטון פאר די פולישע אידן אן קיין שרעק און פחד, אויך ווען די זאכן האבן נישט געשטימט מיט די שטעלונג פון די אנטיסעמיטישע רעגירונג וואס האט געוועלטיגט אין יענער צייט, איבערהויפט אין דער געזעץ פון אסר'ן "שחיטה" און די שטייער וואס איז ארויף געלייגט געווארן אויף די כשר'ע פיש וואס זענען געווען געווידמעט אויף א דירעקטע שאדן פאר די דריי און א האלב מיליאן פולישע אידן וואס זענען געווען די גרעסטע קליענטן פון די פראדוקטן.

רבי מענדל איז ארויס מיט א רוף צו די פולישע אידנטום נישט קויפן ביז די קומענדיגע מעלדונג, פיש און פלייש אויף שבת. און אנשטאט דעם נוצן אנדערע עסן, און די אפגעשפארטע געלט זאל מען געבן פאר די ארעמע לייט. די מעלדונג איז געווען א אפענער רוף אקעגן די פולישע רעגירונג וואס האט געוואלט רייך ווערן פון די שטייערן. אבער רבי מענדל האט זיך נישט דערשראקן.

אין יאר תרצ"ד איז רבי מענדל אויפגענומען געווארן צו דינען אלץ רב אין שטאט קאליש, א גרויסע און חשובע שטאט. דארט האט ער זיך ווייטער אזוי געפירט, ווען ער זארגט פארן כלל און פארן פרט אין די זעלבע צייט.

זי"ן איידלקייט און העלדישקייט האט זיך שטארק אנגעזען עטליכע יארן שפעטער, ווען ער איז געווען אין די געטא און אין די לאגערן אין די צייט פון דעם שרעקליכן חורבן, ביז ער איז געפירט געווארן אין שפיץ פון זיין קהילה זיך מוסר נפש זיין אויף קידוש ה' אין די פארניכטונג לאגער אין טרעבלינקע.

אסאך עדות'ן זענען דערציילט געווארן אויף זיין ספעציעלע הנהגה אין יענע פארשווארצטע טעג און אזוי ווערן געשילדערט די לעצטע מינוטן, אנגעזאפט מיט אידישע שטארקייט, פונעם קאלישער רב:

ווען זיי זענען געפירט געווארן אויפן טויט מארש, האט רבי מענדל זיך געווענדן צו די הונדערטער אידן וואס זענען ארום אים און האט זיי געזאגט: "טייערע באליבטע אידן! ענק זענען יעצט זוכה צו גיין אויף די אויסגעטרויטענע וועג וואס די קדושים און טהורים האבן אויסגעטרויטן נאך פון די פריערדיגע צייט, פון עקידת יצחק ביזן היינטיגן טאג, א וועג פון קידוש ה' און מסירות נפש. ווייסן ענק פארוואס מיר ווערן יעצט געפירט צום הרג'ענען? ווייל מיר זענען אידן וואס ווערן אנגערופן אויפן נאמען פון הקדוש ברוך הוא - דאס איז אונזער איינציגער 'זינד'.

טייערע אידן! לאמיר נישט פארלירן די מינוט אין יאגעניש און שרעק, טראכט ביטע אריין אין דער וועג וואס איז פאר ענק. זייט ענק מתבונן אין די מצוה וואס ענק גייען מקיים זיין אין די קומענדיגע מינוטן, און זייט עס מקיים מיט א ערנסקייט און ריכטיגע ישוב הדעת אזוי ווי עס פאסט זיך אויף די חשובע מצוה; לאמיר אלע צוזאמען אויסרופן: 'איך בין גרייט זיך מוסר נפש זיין, מיין קערפער און לייב, פעטנ'ס און בלוט אויף אלע פיר מיתות און אלע ערליי פיינונגען צוליב זיין גרויסן נאמען!'".

א געדעכטע שטילקייט האט געהערשט ארום רבי מענדל. הונדערטער פאר אויגן האבן געקוקט אויף זיין גלייכע געשטאלט און אין זיין ברענענדיגן פנים. און פלוצלינג האט זיך געהערט זיין שטימע, רואיג און פארזיכערט: "ווער עס וועט מיר ברענגען וואסער, געב איך אים אוועק א האלבע טייל פון מיין עולם הבא!".

א געוויסער אידישער 'קאפו', וואס איז געווען ליידער ווייט געווען פון תורה און מצוות, האט פארשטאנען אז דער רב דארף וויכטיג וואסער צו טרינקען, עפעס אינעווייניג האט אים געגעבן א שאקל, ער האט זיך געאיילט ברענגען א גלאז וואסער, אבער דער רב, צו זיין גרויסע איבערראשונג, אנשטאט אויסטרינקען דעם גלאז, האט ער זיך געוואשן די הענט און באלד אנגעהויבן זאגן די תפילה פון 'וידוי' מיט טרערן און געוויין, ווען אלע זאגן מיט מיט גרויס התרגשות וואס האט זיך געשטאקרט, ביז זייער שטימע האט זיך געהערט ווי א מעכטיגע און שרעקליכע געוויין.

אין דער מינוט האט זיך ערוועקט דער דייטשער אפיציר און האט געשטורעמט צו זיי מיט ווילדע געשרייען; "וואס איז דא? א שול??", אין די זעלבע צייט האט ער געשריגן צו זיינע חברים זיי זאלן אנהויבן שיסן, און עטליכע סקונדעס דערויף איז קיינער פון זיי שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיגע.

אויף די וואונדערליכע וועג, וואס איז שפעטער דערציילט געווארן דורך איינער פון די געראטעוועטע, האט זיך געענדיגט דאס לעבן געשיכטע פונעם קאלישער רב. ה' ינקום דמו.

**'בקרובי אקדש' עמ' 70**

עיצובים shay